טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר המחבקית

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח • גליון 151 • חודש אלול • שנת תשפ"ה

1



דֶּרֶךְ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ;

# איך בין דורכגעפאלן, אבער איך בין נישט קיין דורכפאל.

פינף יסודות וויאזוי זיך צו דערהייבן, אפילו נאך מכשולות אין שמירת עינים

אפגעגעבן אין א שמועס ספעציעל פאר'ן גליון 'טהור עינים', דורכ'ן באקאנטן משפיע

הרה"ג
רבי דוד הירשלער
שליט"א

## פראגע:

איך ווייס זייער גוט אז דער ענין פון 'שמירת עינים' איז פארבינדן מיט די הארבסטע איסורי דאורייתא, אבער ליידער בין איך שוין אסאך נכשל געווארן ל"ע, און דאס איז גורם אז ווען ס'קומט א שעת נסיון האב איך נישט דעם 'מוט' און די שטארקייט זיך צו מתגבר זיין, ווייל איך שפיר אז איך בין שוין סייווי א דורכגעפאלענער.

אודאי גלייב איך אז מ'קען תשובה טון און אנהויבן פון יעצט און ווייטער, און אודאי וויל איך מיט'ן גאנצן הארץ ארויסגיין פון דעם פלאנטער. אבער ווען ס'קומט למעשה דערמאן איך זיך וויפיל מאל כ'בין שוין נכשל געווארן, און כ'שפיר אומזיכער, מיט ספיקות אז "אפשר גיי איך נישט אלעמאל זיך קענען מתגבר זיין". מיין געפאלענע מצב שלעפט מיך אראפ און כ'טרעף זיך דורכפאלן נאכאמאל און נאכאמאל, וויאזוי קען מען דאס טוישן?

## תשובה:

די סארט הרגשים פון חלישות הדעת, וואס צעקלאפן דעם מענטש צוליב זיין 'עבר', זענען באמת פון די גרעסטע שוועריגקייטן וואס שטייען אין וועג פאר אזויפיל אידן וואס וואלטן אזוי געוואלט זיך יא שטארקן אויף זייערע נסיונות. די שווערע געפילן קילן אפ דעם גאנצן רצון און חשק זיך צו נעמען אפהיטן די אויגן מיט א פרישקייט, און עס ברענגט אז מ'זאל זיך נישט קענען צאמקלויבן, כאטש פון היינט און ווייטער, מיט א ריכטיגע תשובה.

דעריבער איז זייער וויכטיג צו געדענקן און זיך איינ'חזר'ן אלעמאל **"פינף יסודות" וואס צדיקים האבן געברענט און געפלאקערט דערמיט,** וואס יעדע פון די פינף יסודות גיבט אן ענטפער אויף אן אנדערע שוועריגקייט וואס שטעלט זיך אראפ נאכדעם וואס מ'איז חלילה נכשל געווארן.

על פי רוב, זענען דא פינף סארט שוועריגקייטן, וואס שטערט פאר איינעם וואס איז דורכגעפאלן אין דעם ענין פון שמירת עינים. און אט די פינף יסודות וואס צדיקים האבן אזויפיל געקאכט דערמיט, גיבט א קלארע תשובה וויאזוי צו אפענטפערן די אלע פינף טעות'ים וואס לאזן נישט תשובה טון.

←

בלויז 50 סקונדעס!
הערט א קורצע, וויכטיגע מעסעדזש פון
הרה"ג ר' בערל טויבער שליט"א
845.999.4114

לעצטע וואך פונעם קאמפיין!
גיימיר טון למעשה;
יעדער ווערט א מזכה!


א

# דער ערשטער יסוד; דעם שוואכסטן איד'ס התגברות איז חשוב, פונקט ווי דער גרעסטער צדיק

## איך בין שוין סייווי שמוציג, וואס וואס שוין אויסמאכן?

דער ערשטער וואפן וואס דער יצר נוצט, פאר איינעם וואס איז שוין ליידער דורכגעפאלן אין דעם עבר, איז צו אריינלייגן א מחשבה אין קאפ: "איך בין דאך אזויפיל נתלכלך געווארן מיט חטאים! איך בין אזוי פארשמירט מיט עבירות! אויב אזוי, וואס קען מיר דען שאטן נאך איין ראיה אסורה?!".

דער יצר איז אים דאס מסביר מיט א משל: ווען איינער האט א ניי-ציכטיגע קלייד וואס איז ריין און ווייס, גיבט ער זייער אכטונג אויף יעדן ריר, אז ס'זאל נישט פארשמירט ווערן. אבער ווען מ'גייט אנגעטון מיט א קלייד וואס איז אינגאנצן שמוציג און פארפלעקט, וועט מען נישט אזוי אכט געבן אז ס'זאל נישט ווערן פארשמירט, ווייל ס'איז דאך שוין ממילא פארפלעקט.

דאס זעלבע טראכט דער מענטש: "צדיקים וועלכע זענען ריין פון יעדן פלעק, זיי דארפן זיך טאקע אכטונג געבן. אבער איך בין דאך אזוי פארשמירט. וואס קען מיר שוין שאטן נאך א שלעכטן קוק? איך בין דאך סייווי שוין דערטרונקן אין דער בלאטע ביז איבער די נאז!"

## דער שוואכסטער איד איז מחויב מיט דער קלענסטער מצוה

אלץ א תשובה דערויף דארף מען גוט חזר'ן וואס דער **רמב"ם** שרייבט אין זיין 'אגרת השמד', אז אפילו ירבעם בן נבט, וואס האט געמאכט זינדיגן אלע אידן מיט די ערגסטע עבירות פון עבודה זרה, וועט מען אין הימל מאנען פון אים די עבירה ער האט נישט געמאכט קיין עירוב תבשילין![א]

דער **ווילנער גאון** זצ"ל איז אמאל געווען ערגעץ אינעם הייליגן טאג יום כיפור מיט זיינע תלמידים, און ער האט געזען ווי עס זיצט דארט א אידישער פוקר און עסט ליידער 'דבר אחר' אום יום כיפור. האט דער גאון געזאגט פאר יענעם איד: "זאלסטו וויסן אז מ'וועט אויך מאנען פון דיר פארוואס דו האסט זיך נישט געוואשן קיין מים אחרונים".

דאס הייסט, אז אזויווי דער בורא עולם וועט פאדערן יעדע ראי' אסורה, פון דעם גרעסטן צדיק גמור וואס איז נישט נכשל געווארן כל ימיו, **פונקט אזוי** וועט ער מאנען יעדע ראי' אסורה, אפילו פון אזא איינער וואס איז נכשל געווארן גאר גאר אסאך, חלילה.

ווען ס'קומט צו 'דקדוקים' זאגן **חז"ל** (יבמות קכא, ב) אז "הקב"ה מדקדק בצדיקים כחוט השערה", און מ'לערנט דאס ארויס פון א פסוק (תהלים נ, ג): "וסביביו נשערה מאד" אז די וועלכע זענען ארום אים כביכול, איז מען פאר זיי מדקדק כחוט השערה. דאס איז אבער נאר אויף דקדוקים, ווייל נאר פון א צדיק קען מען פאדערן דקדוקים. אבער איסורים גמורים, אזויווי 'ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם', וואס איז א לאו דאורייתא, וועט דער בורא עולם מאנען פון יעדן מענטש! נישט אנדערש ווי פון דעם גרעסטן צדיק וואס האט קיינמאל נישט געזינדיגט.

## דאס זעלבע חשיבות ווי א צדיק גמור

נו, אויב דער בורא עולם פאדערט דאס פון יעדן איד, אזויווי פון דעם גרעסטן צדיק, דארף מען דערפון פארשטיין, אז **דער בורא עולם דארף יעדע התגברות פון דעם שוואכסטן איד און ער וויל זייער שטארק האבן זיין עבודה!** ווייל אויב נישט וואלט ער דאס נישט געפאדערט פון אים, יעדעס מאל וואס דו האלטסט זיך צוריק פון אן עבירה, יעדעס מאל וואס דו זאגסט 'ניין', ביסטו משמח דעם בורא עולם, פונקט ווי דאס וואלט געווען א התגברות פון דעם גרעסטן צדיק!

דאס איז די גרעסטע פירכא אויף דעם טעות'דיגן מחשבה אז "היות איך בין שוין סייווי פארפלעקט מיט חטאים, איז שוין נישט קיין חילוק אויב כ'וועל נאכאמאל קוקן". דער אמת איז דאך פארקערט! אפילו אויב מ'איז טאקע ח"ו פארשמירט, אבער **יעדעס איינציגע מאל וואס מען פאלגט נישט דעם יצר, מאכט מען דעמאלט א געוואלדיגע נחת רוח פאר'ן בורא עולם!** יעדע נקודה פון שמירת עינים איז אזוי חשוב און וויכטיג אין הימל, פונקט ווי דער גרעסטער צדיק וואלט זיך יעצט מתגבר געווען אויף דעם נסיון!

ב

# דער צווייטער יסוד; יעדער איד באקומט אויסטערלישע כוחות צו געווינען די מלחמה

## א ביטערער געוואוינהייט

די צווייטע שוועריגקייט וואס שטערט פאר'ן מענטש זיך צו שטארקן קעגן זיינע נסיונות, איז ווען דער יצר מאכט אז מ'זאל טראכטן ביי זיך: "ס'איז דאך שוין אריבער אזויפיל צייט, ברבות העיתים והזמנים, וואס איך בין ליידער גאר אסאך נכשל געווארן, דאס האט גורם געווען אז יעצט איז דאס נעבעך געווארן איבערגעדרייט צו מיין טבע, אז איך קוק אלעס וואס דער יצר רעדט מיך איין צו זען. ס'איז שוין געווארן ממש מיין נאטור צו געבן פרייהייט פאר מיינע אויגן, און צו ארומקוקן אויף אלע זייטן אן קיין שום גרעניצן. אויב אזוי, וויאזוי קען איך מצליח זיין צו טון זאכן קעגן מיין אייגענער שלעכטער נאטור?"

## וואס איז דער חידוש פון 'אלמלא הקב"ה עוזרו'

**די** תשובה דערויף, דארף מען געדענקן א מורא'דיגער יסוד וואס שטייט אין דער גמרא (קידושין ל, ב): **יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום - יצרו של אדם מתחדש עליו בכל יום.** דער יצר קומט יעדן טאג מיט א געוואלדיגע פרישקייט כאילו ער וואלט נאך קיינמאל נישט דא געווען. ער איז בכלל נישט פארמאטערט. **ואלמלא הקב"ה עוזרו אין יכול לו, שנאמר (תהלים לז, לב) צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו, אלקים לא יעזבנו בידו.**

**חז"ל הקדושים** לערנען אונז, אז דער יצר וויל פשוט דער'פטר'ן און אוועקלייגן דעם מענטש, גדול המחטיאו יותר מן ההרגו! ווי דער הייליגער **חידושי הרי"ם** זצ"ל האט געזאגט אז א איד דארף אלעמאל טראכטן, בפרט ווען מ'האט א נסיון פון אן עבירה, ווי עס שטייט איבער אים א גרויסער רשע מיט א גרויסן האק און ער גייט אים אריינקלאפן אין מח אריין - מבקש להמיתו. און אן די הילף פון הקב"ה וואלט מען נישט געקענט מנצח זיין.

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין: וואס האט די גמרא דא מחדש געווען אז 'אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו'? ביי יעדע זאך דארף מען דאך האבן עזר ממעל? ווי דער **בעש"ט הק'** האט געזאגט: "בורא עולם, מיט דיר קען מען אריבערגיין אלע זיבן יַמִים, אן דיר קען מען דעם שוועל פון טיר נישט אריבערגיין". אויב אזוי, וואס איז דער חידוש מיט דעם מאמר פון 'אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו'?

## קיינער האט נישט אליין די כוחות

נאר באמת זאגן אונז דא חז"ל הקדושים א יסוד עצום, דהיינו: **קיין שום בריה האט נישט די מעגליכקייט זיך צו מתגבר זיין אויפ'ן יצר!** קיינער, קיינער, אפילו דער גרעסטער צדיק, האט נישט די כוחות הגוף והנפש, זיך צו שטארקן אויפ'ן יצר. פארוואס? ווייל די כוחות פון 'רע' אין א מענטש, זענען אסאך מער ווי זיינע כוחות פון 'טוב'!

**שלמה המלך** ע"ה זאגט אין קהלת (ט, יד): **עִיר קְטַנָּה וַאֲנָשִׁים בָּהּ מְעָט וּבָא אֵלֶיהָ מֶלֶךְ גָּדוֹל וְסָבַב אֹתָהּ וּבָנָה עָלֶיהָ מְצוֹדִים גְּדֹלִים.** איז רש"י מסביר פשט, אז דער 'עיר קטנה' איז **דער מענטש**, און דער 'מלך גדול' וואס איז געקומען אויף איר, דאס איז **דער יצר הרע.** ער איז דער מלך גדול וואס האט ארומגענומען די שטאט מיט 'מצודים גדולים', מיט אסאך פאסטקעס און נעצן כדי צו כאפן דעם מענטש; ער פארמאגט טריפה'נע כלים מיט אלע סארט ענינים פון תאוות.

זאגט דער פסוק ווייטער: וּמָצָא בָהּ אִישׁ מִסְכֵּן חָכָם וּמִלַּט הוּא אֶת הָעִיר בְּחָכְמָתוֹ. רש"י ערקלערט אז דער 'איש

א. וז"ל הרמב"ם באגרת השמד: "ותדע שצריך האדם לידע עיקר מעיקרי הדת, והוא, שירבעם בן נבט והדומים לו, נפרעים ממנו על עשית העגלים ועל ביטול ערובי תבשילין והדומה לו, שלא יאמר אדם קים ליה בדרבה מיניה, לא יאמר זה אלא בדיני אדם בעולם הזה, אבל השם יתברך נפרע מבני אדם על החמורות ועל הקלות ונותן שכר על כל דבר שעושים, על כן צריך האדם לידע שכל עבירה שיעשה נפרעים ממנה עליה, וכל מצוה שיעשה מקבל עליה שכר."



מסכן חכם' איז דער יצר טוב. 'מסכן' איז טייטש אן ארימער שוואכער מענטש. דער יצר הרע איז א מלך גדול, ער האט מעכטיגע כוחות אדירים, ער פארמאגט מצודים גדולים, זיינע עצות און זיינע ערמומיות זענען זייער גרויס. און קעגן אים איז דא אן ארימער יצר טוב.

שלמה המלך שטעלט אונז פאר אז די כוחות הרע זענען **אסאך מער** ווי די כוחות הטוב, ווייל טאמער וואלטן די כוחות הטוב געווען מער, און אפילו אויב די כוחות הטוב וואלטן געווען אייניג אזויווי די כוחות הרע, דעמאלט **מִי פֶתִי יָסֻר הֵנָּה** - ווער וואלט געווען א שוטה צו גיין טון עבירות? יעדער ווייסט דאך אז באמת איז דאס שלעכט! ווען ס'וואלט געווען גלייך אויף גלייך, ס'וואלט געווען גרינג צו טון 'טוב', פונקט ווי ס'איז גרינג צו טון 'רע', וואלט דען איינער געקליבן 'רע'? יעדער וואלט מקיים געווען 'ובחרת בחיים', ווייל מ'ווייסט דאך אז דאס איז 'חיים' און 'טוב'! דעריבער זענען די כוחות הרע אסאך מער. דער 'מלך גדול' ציעט און שלעפט דעם מענטש מיט די 'מְצוֹדִים גְּדֹלִים', און די כוחות הטוב זענען 'מִסְכֵּן' - קליין און ארעם.

## אז מ'טוט אביסל, באקומט מען דעם נצחון פון הימל

דאס זאגן אונז חז"ל הקדושים: **ס'איז נאכנישט געבוירן געווארן דער מענטש וואס קען מנצח זיין דעם יצר הרע מיט זיין אייגענעם כח אדער מיט זיין אייגענע חכמה ותבונה.** חז"ל זאגן דאס אפילו אין די צייטן פון די הייליגע אמוראים, אז קיינער קען זיך נישט אליין מתגבר זיין אויפ'ן יצר!

נאר וואס? ווען דער מענטש טוט דאס ביסל וואס ער קען. טראצדעם וואס מיט דאס ביסל קען ער בשום אופן נישט מנצח זיין דעם יצר, אבער ער טוט כאטש לויט וויפיל מ'האט אים יא געגעבן א בחירה, דעמאלט העלפט אים דער בורא עולם אסאך מער ווי זיין טבע!

קומט אויס אז אפילו דער גרעסטער צדיק אויף דער וועלט קען בשום אופן זיך נישט פארלאזן אויף זיינע כוחות. נאר אויף וועמען? **נאר אויף דעם עזר ממעל פון 'הקב"ה עוזרו'!** יעדער מענטש, פון דעם גרעסטן ביז דעם קלענסטן, דארף שטיין און האפן אז דער בורא עולם זאל אים ראטעווען פון די הענט פון זיין יצר הרע. אלע דארפן אויסווארטן אויף זיין הילף!

> דער הייליגער חידושי הרי"ם זצ"ל האט געזאגט אז א איד דארף אלעמאל טראכטן, בפרט ווען מ'האט א נסיון פון אן עבירה, ווי עס שטייט איבער אים א גרויסער רשע מיט א גרויסן האק און ער גייט אים ארייגקלאפן אין מח אריין - מבקש להמיתו. און אן די הילף פון הקב"ה וואלט מען נישט געקענט מנצח זיין.

דער בורא עולם איז דאך 'כל יכול'. אויב אזוי **איז אים דען א חילוק צווישן איינעם וואס איז יא נכשל געווארן ביז יעצט אדער איינער וואס איז נישט נכשל געווארן?** יעדער איינער דארף אייניג האפן צום אויבערשטן, סיי איינער וואס די חטאים זענען איבערגעדרייט געווארן פאר זיין טבע, און סיי איינער וואס ס'איז נישט געווארן איבערגעדרייט פאר זיין טבע. דער בורא עולם קען העלפן אפילו דעם שווערסטן איד, וואס איז נעבעך אריינגעפאלן אין די הארבסטע נסיונות און ער האט זיך חלילה מפקיר געווען די אויגן אויף די ארגסטע צורה, **ווייל ער איז א כל יכול.** און ווען דער בורא עולם העלפט - ווערט מען געהאלפן!

## אונזער מינימאלע התגברות – ברענגט מאקסימום קדושה

דאס איז אויך די כוונה אין דעם מאמר חז"ל (יומא לט, א): אדם מקדש עצמו מעט מלמטה, מקדשין אותו הרבה מלמעלה.

לכאורה דארף מען פארשטיין: פארוואס זאגט די גמרא אז דער מענטש איז 'למטה' און דער בורא עולם איז 'למעלה'? דאס ווייסט דאך יעדער איינער, ווי ס'שטייט אין פסוק (קהלת ה, א): **כִּי הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל הָאָרֶץ.** דער מענטש געפינט זיך דא אויף דער וועלט, און הקב"ה איז אויבן, ושכינת עוזו בגבהי מרומים. אויב אזוי, פארוואס פעלט אויס צו זאגן די צוויי ווערטער

←




וואס קוקן אויס ווי איבריג?

נאר באמת זאגן אונז חז"ל הקדושים א דבר נפלא: 'אדם מקדש עצמו מלמטה', ווען א מענטש הייליגט זיך גאר ווייניג, עד כדי כך אז **אפילו דא 'למטה', מיט אונזערע קליינע השגות, הייסט דאס אויך 'מעט'!** ער איז זיך מקדש אביסל, וואס אפילו אויף דער וועלט ווערט עס אנגערופן ווייניג. איז אבער 'מקדשין אותו הרבה מלמעלה' - ברענגט מען אים ארויף אזויפיל קדושה, וואס אפילו 'למעלה' הייסט דאס אסאך! אויבן אין הימל איז דאך דא אזויפיל השגות אין קדושה וואס מ'קען נישט באגרייפן, און אפילו דארט ווערט אנגערופן אט די קדושה וואס מ'גייט געבן פאר אזא איד, מיט'ן לשון: 'הרבה'. ער באקומט 'אסאך' לויט דער שפראך פון אויבן!

ווען א איד טראכט אז "עס איז שוין געווארן מיין טבע צו לאזן הפקר די אויגן", זאל ער געדענקן אז: אף על פי כן! טאמער איך וועל טון די 'משהו' וויפיל איך קען; טאמער כ'וועל זיך מקדש זיין 'מעט מלמטה'; איך וועל אוועקשטופן נאך אן עבירה; איך וועל זיך משתדל זיין צו מצמצם זיין 'אביסל' מיין ראיה; איך וועל נישט קוקן וויפיל ס'איז שייך, וועט דאס ברענגען אז מ'וועט משפיע זיין אויף מיר גאר אסאך קדושה, וואס אפילו אין הימל ווערט דאס אנגערופן אסאך. ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה!

ג

# דער דריטער יסוד; די קלענסטע התגברות איז א מאַכטפולע געוואונס

## *א ווייטאגליכע פראגע; פארוואס האט זיך געלוינט צו פלאגן?*

די דריטע שוועריגקייט קען צומאל פאסירן, דוקא נאכדעם וואס א איד האט זיך שוין יא גענומען אין דער האנט אריין מיט גוטע קבלות, אבער ס'גייט דורך אביסל צייט און ער טרעפט זיך אז ער איז נאכאמאל דורכגעפאלן. **בפרט איז דאס מער שכיח אין אנהויב וועג,** ווען מ'הייבט אן אריינגיין אין דער עבודה פון שמירת עינים, און דערנאך ווערט מען חלילה נכשל.

דער מענטש שפירט: "איך האב זיך אזויפיל מאל אכטונג געגעבן נישט צו קוקן וואו מ'טאר נישט, כ'האב זיך מתגבר געווען איינמאל און נאכאמאל, אבער צום סוף בין איך דורכגעפאלן. כ'האב יא געזען א זאך וואס געפעלט נישט פאר'ן בורא עולם!". דעריבער איז ער מחליט אז "איך גיי ניטאמאל אנהויבן נאכאמאל, ווייל **ס'קען דאך זיין אז איך וועל נאכדעם דורכפאלן**, און דעמאלט וועט פארלוירן ווערן אלע מיינע הארעוואניע ביז אהער"...

דער יצרווארפט אריין קשיות וואס זאלן רודערן אין מח: "פארוואס האב איך געדארפט זיך אזויפיל רייסן מיט מיר אליין, טאמער ביים ענדע בין איך ממילא דורכגעפאלן? וואס גיי איך אויפטון אויב כ'גיי נאכאמאל אנהויבן און נאכאמאל נכשל ווערן? איך בין אזויווי איינער וואס האט אכטונג געבן אויף די מילך און צום סוף האט ער אליין אויסגעגאסן די מילך... כ'האב זיך אזויפיל מתגבר געווען און ווידער מתגבר געווען, אבער ביים ענדע בין איך אליין נכשל געווארן אויף א מיאוס'ן אופן. יעצט לוינט זיך זיכער נישט צו אנהויבן פונדאסניי, ווייל אפשר וועט דאס נאכאמאל פאסירן".

## *יעדע קליינע התגברות איז אן אייביגע נצחון*

דארף מען דעריבער חזר'ן וואס צדיקים האבן געקאכט און געפלאקערט דערמיט, אז **חז"ל הקדושים** זאגן קלאר (קידושין לט, ב): **ישב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כעושה מצוה.**

ווען א איד האלט זיך צוריק פון אן עבירה; בשעת ס'קומט אים אונטער א נסיון צו זען א זאך וואס ציט אים; אדער ווען ער האט א נסיון צו לאזן זיינע אויגן פריי אן קיין שמירה, זאל ער וויסן אז יעדע מינוט וואס ער איז זיך מתגבר, איז ער מקיים א מצוה און ער קויפט זיך איין א לעכטיגקייט און א טובה נצחיות, וואס וועט באלייכטן און באשיינען זיין נשמה לעלמי עד אן קיין הפסק, **אייביג, אייביג!** אט די מינוטן ווען ער האט געזאגט 'ניין' פאר'ן יצר, וועט געבן אן 'אחרית טובה' פאר זיין נשמה, לנצח נצחים!

א איד דארף געדענקן, אז קיין שום דורכפאל, וואס ער וועט חלילה נכשל ווערן בעתיד, וועט נישט פארלעשן דעם אור פון דער מצוה וואס ער האט מנצח געווען דעם יצר! אויב איז ער נכשל געווארן א מינוט שפעטער, איז דאס א נייער נסיון און א צווייטע מלחמה אינגאנצן. ער איז טאקע נכשל געווארן חלילה, אבער **ס'האט נישט קיין שום שייכות צו דעם ריזיגן נצחון פון איין מינוט פריער.** דער נצחון איז אן אייביגער נצחון! נישט ווי דער יצר הרע זאגט אז ס'איז אלעס איין מלחמה און צום סוף האט דער יצר געזיגט. דאס איז נישט אמת! ס'איז נישט אמת! דא איז געווען א מלחמה וואס דו האסט געזיגט אינגאנצן! ווען דו האסט איין מינוט געזאגט פאר'ן יצר 'ניין', האסטו פולקאם מנצח געווען ביז'ן סוף! די צווייטע מינוט איז שוין א נייע מלחמה וואס האט נישט קיין שייכות מיט פריער. יעדע מינוט וואס א איד זאגט 'ניין', האט ער מנצח געווען לעלמי עד, און קיין שום דורכפאל קען דאס נישט צונעמען!




## *א צעבראכנקייט נאכ'ן דורכפאלן*

ס'איז כדאי צו פארציילן א מעשה נורא: אין א ישיבה אין ארץ ישראל זענען געווען צוויי בחורים וואס האבן געלערנט צוזאמען בחברותא. זיי זענען שטארק געשטיגן, געלערנט און זיך מעמיק געווען. איינמאל ווען זיי האבן זיך אראפגעזעצט לערנען, האט איינער געזען אז זיין חבר איז 'לבו בל עמו', יענער איז נישט מיט אים... האט ער פרובירט אים צו אויפוועקן, דורך מאכן לעבעדיג די סוגיא, אבער ס'האט נישט געהאלפן. ער האט פרובירט לערנען העכער, אבער ס'גייט ווייטער נישט. דער בחור איז נישט אין די כלים.

נאכ'ן אויסהערן זיינע ווערטער, האט דער גדול זיך געוואנדן צו אים מיט א שאלה: "עס זענען אפשר געווען עטליכע מינוט, במשך די גאנצע צייט, וואס דו האסט יא מנצח געווען דעם יצר און נישט געקוקט?" אויף וואס דער בחור האט געענטפערט: "רבי, וואס זאל איך זאגן? ס'איז ביטער דער מצב. זייער ביטער."

האט ער אפגעשטעלט דאס לערנען און געפרעגט: "מיין טייערער ידיד, וואס האט פאסירט? פארוואס ביסטו אזוי צעטראגן".

ענדליך האט אים דער חבר זיך אויסגערעדט וואס דרוקט אים אויפ'ן הארץ:

"איך וועל דיר זאגן דעם אמת, מעשה שהיה כך היה. איך האב היינט געדארפט פארן צו א דאקטער אין 'תל אביב', וואס איז א פרייע שטאט וואו ס'איז דא נעבעך גרויסע פריצות אויף א שרעקליכן אופן. אוןליידער אויפ'ן וועג בין איך נכשל געווארן מיט ביטערע מראות אסורות. דאס נעמט מיך ממש ארויס פון די כוחות, ס'שטערט מיר דעם גאנצן חשק צו לערנען, איך בין צעבראכן און צעקלאפט."

## *האסט כאטש איינמאל זיך איינגעהאלטן?*

נישט וואוסנדיג וואס צו טון האט דער חברותא פארגעשלאגן: "לאמיר אריבערגיין צו איינעם פון די גדולי הדור און הערן וואס ער זאגט דערצו". וכך הוה, זיי זענען אריינגעגאנגען צו איינער פון די פריערדיגע גדולי ישראל זצ"ל, און דער בחור האט דארט פארציילט אלעס וואס איז אריבערגעגאנגען אויף אים אין דעם היינטיגן טאג.

נאכ'ן אויסהערן זיינע ווערטער, האט דער גדול זיך געוואנדן צו אים מיט א שאלה: "עס זענען אפשר געווען עטליכע מינוט, במשך די גאנצע צייט, וואס דו האסט יא מנצח געווען דעם יצר און נישט געקוקט?" אויף וואס דער בחור האט געענטפערט: "רבי, וואס זאל איך זאגן? ס'איז ביטער דער מצב. זייער ביטער."

אבער דער גאון לאזט נישט נאך: "אפשר זענען געווען געוויסע מינוטן ווען דו ביסט נישט נכשל געווארן?", ענטפערט דער בחור ווייטער: "רבי, דער מצב איז ביטער". און דער גאון לאזט נישט נאך: "דערמאן זיך פארט, אפשר האסטו זיך כאטש עטליכע מאל צוריקגעהאלטן פון דורכפאלן מיט ראיות אסורות?". ביז דער בחור האט צוגעשטימט: "יא, ס'איז געווען מינוטן וואס האבן כובש געווען את יצרי. כ'האב פארמאכט די אויגן און נישט געקוקט".



## העלדישע מקדשי ה' אין אונזער דור

זאגט אים דער גדול: גלייב מיר, ווען נישט כ'בין אזוי אלט און שוואך, וואלט איך זיך אויפגעהויבן מלא קומתו פאר דיר! דו האסט היינט מקדש געווען דעם שם שמים, ווי דער **רמב"ם** זאגט (הלכות יסודי התורה ה, י) אז ווען א איד האלט זיך צוריק פון אן עבירה **לא מפני דבר בעולם**, לא פחד ולא יראה, נאר ווייל ער האט מורא פון דעם בורא עולם - **הרי זה מקדש את השם!** אויב אזוי האסטו היינט מקדש געווען דעם שם ה' נישט איין מאל און נישט צוויי מאל. ווען כ'וואלט געהאט די כוחות וואלט איך זיך אויפגעשטעלט מלא קומתי פאר אזא בחור וואס האט געהאט די זכי' צו הייליגן דעם שם שמים!

דער גדול בישראל האט דא אראפגעשטעלט א געוואלדיגער תשובה צו דעם אויבנדערמאנטן טעות וואס מ'קען האבן נאך א מכשול: מיין נישט אז דא איז געווען א מלחמה וואס ביים ענדע האט דער יצר דיך מנצח געווען. ס'איז נישט אמת! דו ביסט געגאנגען אין מלחמה און **דו האסט אים מנצח געווען לגמרי!** שפעטער איז געווען אנדערע מלחמות וואס דו האסט ליידער נישט מנצח געווען, אבער די פריערדיגע מלחמה איז א קנין עצום, לנצח נצחים.

עס לוינט זיך געוויס צו אנהויבן איינמאל און נאכאמאל פונדאסניי מיט קבלות טובות, אפילו אויב נאכדעם וועט מען דורכפאלן, ווייל **יעדע איינציגע התגברות איז א מורא'דיגער געוואונס**, וואס 'מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה' - די גרעסטע דורכפעלער וועלן נישט קענען פארלעשן דעם מורא'דיגן נצחון, און קיין שום טייך פון עבירות קען דאס נישט אפשווענקן!

*המשך אין דעם קומענדיגן גליון בעז"ה*

בחורים יקרים:

# ברוכים הבאים צו די שטאטישע גאסן!

טייערע בחור! אין די יעצטיגע טעג ווען מ'קומט צוריק פון די קעמפס און קאנטריס, צוריק אריין אין שטאט אריין, דארף מען זיך ספעציעל אנגארטלען מיט שמירת עינים. יעצט איז די צייט אז דו זאלסט זיך אנשלוסן מיט'ן "בחורים זומער פראגראם", ווי הונדערטער בחורים זענען שוין איינגעשריבן און האלטן זיך פעסט מיט שמירת עינים.

דער פראגראם ארבעט אז מ'נעמט זיך אינטער א געוויסע קבלה אין שמירת עינים, און יעדן טאג וואס דער קבלה איז דורך בשלום רופט מען אריין צו "טהור עינים" און מ'גייט אריין אין ווערטפולע גורלות. יעדע וואך ווערט ארויסגעצויגן א פרישע געווינער פון אלע וואס האבן מיטגעהאלטן דעם פראגראם אפי' נאר פאר א חלק פון די וואך.

**אין די קומענדיגע וואכן וועט פארקומען די מעכטיגע 100 גורלות אויף דעם הערליכע באנד "תנה בני". פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונגען.**

## באונוס גורל!

לכבוד דעם וואס הונדערטער בחורים קומען אהיים פון די ריינע לופט פון די בערג צו די שטאטישע גאסן וועט די וועט פארקומען א באונוס גורל **אויף נאך $100 פאר אלע וואס וועלן מיטהאלטן דעם פראגראם במשכ'ן די וואכן פון תצא-תבא.**

כאפ דיר מיט! און זיי א חלק פון די הונדערטער בחורים וואס שפירן דעם געשמאק פון האלטן ריין זייערע אויגן!

צו הערן אלע פרטים וויאזוי דער פראגראם ארבעט, און ארייננצוגיין טעגליך אין די גורלות, רוף אריין טהור עינים;

845.999.4114
דערנאך דרוקט
עקס. 1 ← 8

בחורים פראגראם אפטיילונג



# עצות און אויפפאסונגען

## איבערגעגעבן דורך: ישראל קדושים, פון זייער אייגענע ערפארונג

## קבלות טובות אויף א חיוב דאורייתא

בהמשך צו דעם שמועס אויב מ'קען מאכן א 'קבלה' אויף א זאך וואס איז א חיוב גמור מן התורה, אייגנטליך איז דאס אן אפענע גמרא אין מסכת נדרים (ח, ע"א): **"מנין שנשבעין לקיים את המצוה? שנאמר, נשבעתי ואקיימה לשמור משפטי צדקך"**.

פרעגט די גמרא: **"והלא מושבע ועומד מהר סיני הוא"**, און די מפרשים זענען מסביר די קשיא, אז לכאורה העלפט דאך ניטאמאל אזא שבועה, ווייל ס'קען נישט חל זיין אויף די שבועה וואס מיר האבן שוין באקומען אויפ'ן בארג סיני. ענטפערט די גמרא: **"אלא הא קא משמע לן, דשרי ליה לאיניש לזרוזי נפשיה"** - א מענטש מעג זיך מזרז זיין צו מקבל זיין א שבועה, אפילו אויף א מצוה מן התורה! דאס הייסט, אז ס'ווערט נישט אנגערופן קיין 'שבועות שוא', ווייל למעשה העלפט עס ארויס צו מקיים זיין א מצוה.

דער **'בן יהוידע'** אויפ'ן פלאץ זאגט קלאר, אז די גמרא רעדט נישט דא פון גדרים און חומרות וואס מ'לייגט צו, נאר מ'רעדט דא פון איינער וואס מאכט א שבועה אויף דעם מצוה דאורייתא זעלבסט!

די זעלבע גמרא איז אויך דא אין מסכת חגיגה (י, ע"א), ווי רש"י זאגט דארט א שטארקע לשון, אז ס'איז ממש א מצוה צו מאכן אזא סארט שבועה (וז"ל: **"מצוה שיהא אדם נשבע לקיים מצוה כדי שימהר ויזדרז לקיימה"**).

די מפרשים ברענגען אויך וואס עס שטייט אין **מדרש תהלים** (קאפיטל קי"ט, ד"ה **'נשבעתי ואקיימה'**), אז דוד המלך האט געמאכט א קבלה צו מקיים זיין די מצוות פון סוכה, לולב, ציצית, תפילין און מילה, און אזוי האט ער באקומען א דאפלטע שכר, סיי פאר'ן מקיים זיין די מצוה, און סיי פאר'ן מקיים זיין די שבועה! דאס זעלבע שטייט אין ספרי (ואתחנן, אות ל"ג) אז אלע צדיקים האבן געשוואוירן צו מקיים זיין מצוות. דער ספרי ברענגט דארט פסוקים וואו מ'זעט דאס ביי אברהם, ביי בועז, ביי דוד, און ביי אלישע.

אזוי ווערט טאקע קלאר גע'פסק'נט להלכה, אין **שלחן ערוך** (יורה דעה רג, ו): **"וכן אם ירא שיתקפו יצרו ויעבור על איזו מצוה ממצות לא תעשה או יתרשל מקיום מצות עשה מצוה לישבע ולנדור כדי לזרז עצמו"**.

על כל פנים, פון די אלע מאמרי חז"ל זעען מיר אז ס'איז אודאי יאָ זייער א גרויסער ענין, צו מאכן א קבלה טובה אז מ'זאל נישט קוקן אויף קיין נשים וכדומה. טראצדעם וואס ס'איז בעצם אן איסור דאורייתא, אבער טאקע דערפאר איז וויכטיג זיך צו שטארקן מיט קבלות טובות אז מ'זאל שטיין פעסט דערויף.

*א.מ.מ. קרית יואל*

## מ'דארף וויסן 'וואו איין און וואו אויס'

אין די פריערדיגע גליונות האבן אידן געשריבן וועגן זייערע קבלות טובות צו אויסטון די גלעזער ווען מ'גייט אויפ'ן גאס, וואס געוויס איז דאס זייער א חשוב'ע קבלה, אויב מ'טוט עס אויפ'ן ריכטיגן אופן. כ'האב נאר געוואלט אנמערקן, אז - אַזוי ווי אַלעמאָל - איז אויך דא גילטיג דער כלל פון 'כל ערום יעשה בדעת', און אויב גרעניצט זיך דאס מיט א חשש סכנה, דעמאלט זאל מען זיך אודאי מונע זיין דערפון.

אזוי שטייט טאקע אין ספר **'הליכות אבן ישראל'** פון הגאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל (עמו' שס"ט): **"אחד שאל את רבינו, אם רשאי לילך ברחוב בלא משקפיים מפני שמירת עינים. רבינו ענהו שאסור, וח"ו לעשות כן, מפני שצריך להזהר היטב מסכנת דרכים מהרכבים שברחובות"**.

פארשטענדליך אז ס'איז נישטא אין דעם קיין כלל. אין אסאך פעלער איז עס בכלל נישט קיין סכנה, און געוויס ווענדט זיך דאס אויך אויב מ'האט זייער א הויכע נומער אויף די ברילן. על כל פנים, אויב מ'וויל זיך איינפירן אזא הנהגה, איז כדאי אז מ'זאל דאס דורכשמועסן מיט א קלוגער איד, צו וויסן דעם ריכטיגן שיקול הדעת אויף למעשה.

*ב. קאהן, ניו דזשערסי.*

## וואס ליגט אין די 'בית גנזיו' פון דעם רבוש"ע?

כ'האב לעצטנס געלערנט די הייליגע מימרא פון רבי שמעון בר יוחאי אין מסכת ברכות (לג ע"ב): **"אין לו להקב"ה בבית גנזיו אלא אוצר של יראת שמים שנאמר (ישעיהו לג, ו) יראת ה' היא אוצרו"**.

דאס האט מיר געגעבן מורא'דיגע חיזוק, ווייל אסאך מאל טרעפט זיך א מענטש מיט נסיונות אין שמירת עינים וכדומה, און ער שפירט זיך אביסל נידערגעשלאגן. ער פילט אז ער איז א 'גארנישט', בפרט אויב זיינע חברים זענען יא מצליח ברוחניות אדער בגשמיות, און ער האט די הרגשה אז ער איז סתם א 'לא יצלח'... וואס דעמאלט זאגט אים דער יצר הרע: "ביסט סיווי גארנישט ווערד, לאז זיך שוין וואוילגיין"...

אבער אויב מען געדענקט די מימרא פון **רשב"י**, דעמאלט ווייסט מען אז ווען מ'האט א נסיון לגבי יראת שמים, וואס קיינער ווייסט נישט און זעט נישט, דעמאלט איז דאס א בחינה ווי כביכול דער רבוש"ע לאזט אלעס אפּ און זאגט: **"לאמיר גיין צו מיין חשוב'סטע זאך, מיין אוצר של יראת שמים!"** (אודאי איז נישט שייך ביי השי"ת אזא באגריף, ווייל ער קען טון אלעס אויף איינמאל, כ'שרייב עס נאר ארויסצוברענגען די נקודה, לשבר את האוזן).

אזא מחשבה קען זיין א געוואלדיגע הילף בשעת נסיון, ווען מ'איז זיך מצייר אין דער מחשבה, כאילו דער רבוש"ע לאזט יעצט איבער אלע צדקות, אלע תורה פון די ישיבות און כוללים, און אלע מצוות, ווייל ער זאגט: **"איך גיי צו דעם איד וואס האט זיך יעצט מתגבר געווען! דאס איז מיין שענסטער אוצר"**. אזא מחשבה גיבט דאך אזויפיל חיזוק צו געדענקן אונזער חשיבות, טאקע בשעת מען האט א נסיון און מ'איז זיך מתגבר. יעצט מאכסטו אן אוצר וואס השי"ת איז זיך מתענג דערמיט! דו גיבסט די שענסטע דימאנט שטיינער פאר'ן הייליגן באשעפער!

א דאנק פאר'ן אריינשטעלן די שורות.

*ל.כ.ש.*


ספעציעלע שמירת עינים בחורים פראגראם

גצווינערס

פרשת ואתחנן
הבה"ח **ליפא זילבערשטיין** נ"ו
מאנסי
לומד בישיבת דברי חיים - מאנסי
זכות השבוע נתנדב
ע"י הר"ר **יקותיאל מרדכי פריעדמאן** הי"ו

פרשת עקב
הבה"ח **אברהם בר"י פייערשטיין** נ"ו
קרית יואל
לומד בישיבת אור החיים - קרית יואל
זכות השבוע נתנדב
**לזכות הנדבן** להצלחה בכל עניניו

פרשת ראה
הבה"ח **ליפא זילבערשטיין** נ"ו
מאנסי
לומד בישיבת דברי חיים - מאנסי
זכות השבוע נתנדב
ע"י הר"ר **יואל גרינהויז** הי"ו

מיטצוהאלטן דעם פראגראם אויפן טהור עינים ליין:
845.999.4114
דערנאך דרוקט
עקס. 1 ← 8


**גיימיר טון למעשה; יעדער ווערט א מְזַכֶּה!**

# ויאמרו המושלים

אלו המושלים ביצרם (ב"ב עח:)

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות**.



## פארמאכט דעם סווימינג פול - געעפענט די אויגן

### הר"ר מרדכי יעקב סאאל הי"ו פון 'מושיס פענסינג' דערציילט:

מיט עטליכע וואכן צוריק האב איך פערזענליך מיטגעלעבט אן אומגלויבליכע געשיכטע, ווי מ'האט באשיינפערליך געזען ווי חשוב ס'איז אין הימל ווען אידישע קינדער שטרענגען זיך אן פאר א גדר אין קדושה וטהרה.

דאס יאר האט זיך געעפנט א נייע היימישע דעוועלאפמענט אין די קעטסקיל בערג. די ארטיגע פארוואלטונג האט אויפגענומען אונזער פירמע צו מאכן אלע געיטס, און מיר האבן ב"ה געענדיגט דעם גאנצן דזשאב צייטליך, צום אנהויב פון דעם קאנטרי סעזאן.

דעם ערשטן טאג, ווען די זומער איינוואוינער האבן זיך אריינגעצויגן אין דעם נייעם דעוועלאפמענט, האט ליידער פאסירט א שרעקליכע טראגעדיע. א קליין ניין יעריג יונגל האט זיך דערטראנקן אין דעם סווימינג פול און זיין מצב איז באלד געווען זייער קריטיש. מ'האט פרובירט אלעס, אבער ס'האט אויסגעקוקט ווי ס'איז שוין נישטא עכט וואס צו טון רח"ל. אויף אזוי ווייט אז די הצלה האט גערופן אן העליקאפטער, אבער זעענדיג דעם מצב האט מען שוין אפילו געקלערט צוריקצושיקן דעם העליקאפטער. למעשה האט מען יא אריינגעפירט דאס קינד אין שפיטאל, אבער דער מצב האט אויסגעזען האפענונגסלאז, ה"י.

דעם קומענדיגן אינדערפרי באקום איך א טעלעפאן רוף פון די ארטיגע איינוואוינער, אז זיי דארפן גאר וויכטיג רעדן מיט אונזער פירמע. וואס איז זייער באגער? זעענדיג אזא טראגעדיע ממש ביים אנהויב זומער, ווען מ'האט קוים באנייט די געגנט, האבן זיי אריינגעטראכט וואס מ'דארף דארט מתקן זיין, און זיי האבן באמערקט אז די מחיצה ביים סווימינג פול האט געוויסע פלעצער וואו מ'קען נאך אביסל אריינזען פון אינדרויסן, וויבאלד ס'איז געווען געבויט אויף א בערגיגע שטח. דעריבער האבן זיי זיך בארעכנט אז זיי מוזן דאס שוין פארריכטן. זיי ווילן נישט נוצן דעם סווימינג פול, ביז מ'וועט ארויפציען דעם גייט העכער, און מ'וועט פארמאכן אלע לעכער.

איך האב זיי פרובירט צו ערקלערן אז דאס קען נישט געשען פון איין מינוט אויפ'ן אנדערן. מ'דארף באשטעלן די מאטעריאל, ווארטן ביז עס קומט אן, און דערנאך דורכפירן די פאקטישע בוי-ארבעט. אזא שפיל געדויערט מער פון א וואך צייט. אבער זיי זענען געווען אנטשלאסן אז דערווייל גייען זיי בכלל נישט נוצן דעם סווימינג פול, ביז ווילאנג אלע מחיצות זענען הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן.

איבריג צו באטאנען אז דאס איז נישט קיין לייכטע באשלוס פאר קאנטרי איינוואוינער, זיך נישט צו באנוצן אין די הייסע זומער טעג מיט א נייע געשמאקע סווימינג פול, אבער די משפחות האבן דאס אלע פרייוויליג אנגענומען באהבה. זיי זענען געווען גרייט צו פארציכטן פאר שמירת עינים אפילו אויפ'ן חשבון פון זייער אייגענע הנאה, כדי ס'זאל זיין א זכות פאר דאס קליין קינד וואס איז געליגן אין שפיטאל באוואוסטלאז.

און הערט וואונדער: וויניגער ווי 24 שעה שפעטער, איז פון שפיטאל אנגעקומען די אומגלויבליכע בשורה טובה, אז דאס קינד האט זיך ב"ה אויפגעוועקט און ער איז כאחד האדם! ס'פעלט אים גארנישט, און ער קען אהיימקומען געזונט און פריש.

דאס איז א מעשה, נישט פון הונדערט יאר צוריק, נאר פון היי-יאר זומער תשפ"ה! איך האב דאס אליינס בייגעוואוינט צוזאמען מיט די אלע קאנטרי איינוואוינער, וואס האבן געזען קלאר וויאזוי דער רבוש"ע האט דא געשיקט אן אפענע ישועה שלא כדרך הטבע, אין זכות פון זהירות אין צניעות און שמירת עינים!



## א 'פארקינג ספאט' האט מיך אפגעווארט ביים אריינגאנג

### הר"ר משה אהרן פילעפף הי"ו דערציילט:

איך וויל מיטטיילן א קליינע געשיכטעלע וואס האט מיט מיר פאסירט. טאקע א קליינע פאסירונג, וואס טוט אבער צייגן דעם יד ה' און ווען א איד וויל זיך האלטן הייליג העלפט מען אים פון אויבן.

פון הימל האט מען אזוי געפירט אז איך האב געדארפט אריינפארן קיין מאנהעטן מיט איינעם פון מיינע קינדער, א קליין אינגל וואס האט געדארפט גיין באזוכן ביים דאקטאר.

פון מיין פריערדיגע ערפארונג האב איך שוין געוואוסט אז די גאסן ארום דעם דאקטער'ס אפיס זענען זייער אויסגעלאסן, און איך האב הייס מתפלל געווען אז איך זאל נישט האבן קיין נסיונות אין שמירת עינים.

בנוסף דערצו איז מיר אונטערגעקומען אזא פראבלעם: געווענליכע גרויסע אפיס געביידעס האבן א גרויסע פארקינג לאט נעבן דעם בנין וואו מען קען אראפשטעלן די קאר ביז מען קומט צוריק פון דעם דאקטאר. אבער ביי דעם דאקטער וואו איך האב געדארפט גיין, איז עס נישט דא. וואס מיינט אז איך דארף זוכן פארקינג אויף די גאסן ארום דעם אפיס.

איך האב אזויפיל געדענקט פון פריערדיגע באזוכן אז מ'קען געווענליך טרעפן פארקינג אויף א פלאץ וואס איז א גאנצע לאנגע גאס ווייטער פון דעם אפיס. איך האב דאס אבער נישט געוואלט טון, סיי צוליב מיין שמירת עינים, און בעיקר צוליב דעם שמירת ענים פון מיין קליין אינגל וועם עס איז זייער שווער צו הייסן זיך היטן די אויגן.

האב איך אפגעמאכט ביי מיר אז יעבור עלי מה, איך פאר צו ביז גלייך פארנט פונעם דאקטער'ס אפיס און מיט א תפילה אויף די ליפן האב איך געהאפט אז איך וועל דארט טרעפן פארקינג, אן דארפן גיין דערנאך שפאצירן אויף די שמוציגע גאסן.

פון מיין זייט איז עס געווען היבש איינגעשטעלט, דער זייגער האט געצייגט שפעט און אויב טרעף איך נישט דארט קיין פארקינג, מיינט דאס אז איך וועל דארפן ארומפארן די גאס נאכאמאל, עפעס וואס קען נעמען אין מאנהעטן נאך א גוטע 10-15 מינוט.

איך האב זיך אבער געשטארקט און יא צוגעפארן ביז צום טיר פונעם דאקטאר'ס אפיס. און וואס מיינט איר? "ביים טיר" פונעם אפיס האט מיר אפגעווארט א ליידיגע פארקינג ספאט!

דאס האט מיר געצייגט אזוי קלאר אז מען דארף בלויז טון און מתפלל זיין און דער רבוש"ע העלפט צו אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך בקדושה.

מיר ווארטן אויף
אייער טעלעפאן רוף!
845.999.4114

# ברוך שהחיינו וקיימנו!

ברוב שבח והודי׳ צו השי״ת מעלדן מיר מיט פרייד אז דער זעלטן הערליכער ספר ״תנה בני״ איז אריין צום דרוק און 3000 ספרים איז אויפ׳ן וועג מיט׳ן שיף קיין אמעריקא. בס״ד וועלן די ספרים זיך געפינען אין אלע געשעפטן תיכף נאך ראש השנה.

״תנה בני״ איז א באנד אנגעפילט מיט הונדערטער געקליבענע, הערליכע מעשיות אויף שמירת עינים. דער ספר איז איינגעטיילט אין צוויי שערים, שער א׳ - בימים ההם, אן אוצר פון באלערענדע סיפורי קודש פון פריערדיגע צדיקים און חסידים ואנשי מעשה, שער ב׳ - בזמן הזה, היינטיגע מעשיות פון הערֶאישע געשיכטעס פון אידן אין אונזער שוואכן דור, עקבתא דמשיחא, וועלכע שטארקן זיך מיט א העלדישקייט צו אפהיטן זייערע אויגן. אזוי אויך ווי אידן האבן געזען וואונדערליכע ישועות אין זכות פון שמירת עינים.



דער ספר איז גאר פאסיג פאר יעדן עלטער, פון גרויס ביז קליין, און ברענגט אריין א ליכטיגקייט און געשמאק אין שמירת עינים, זעענדיג וויאזוי צדיקים און ערליכע אידן האבן זיך אכטונג געגעבן די אויגן, און אויך וויאזוי אפילו היינט צוטאג ווען ס׳איז דא אזויפיל שוועריקייטן אין שמירת עינים, שטייען אידן פעלזן פעסט און האלטן זיך מיט א שטארקייט.

**מוסדות התורה** וואס וויל פארטיילן דעם ספר פאר זייערע תלמידים, קענען זיך פארבינדן מיט׳ן מערכת אויף 802.327.3592



# מתנות פאר די מזכים!

בס״ד, תיכף נאכ׳ן קאמפיין, וועלן מיר מאכן א רשימה פון אלע מזכים וואס געבן $25 לחודש, אזוי אויך פאר אלע וואס האבן מנדב געווען ביים קאמפיין פון $300 און העכער

**און מיר וועלן אפשיקן אויף פאסט דעם הערליכן מתנה, דער ספר ״וימאן״.**

נ.ב. פאר סיי וועלכע הערה, אדער אויב ווילט איר ענדערש באקומען דעם ספר תנה בני, אדער אן אפגעהיטענער נסיעה, לאזט א מעסעדש אויף 802.327.3592

## על הטוב יזכר

### מזלא טבא

לכבוד ידידינו היקר
הרה״ג ר׳ **בערל טויבער** הי״ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי בנו למז״ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הרה״ח ר׳ **משה גאלדשטיין** הי״ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי נכדתו למז״ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר״ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי״ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל אירוסי נכדתו למז״ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר״ר **יקותיאל ישראל פריעד** הי״ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי בנו למז״ט**

~ ~ ~

לכבוד ידידינו היקר
הר״ר **זלמן לייב פריינד** הי״ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי בנו למז״ט**

### זכות עמוד בגליון

הר״ר **קלמן הערשקאוויטש** הי״ו
לע״נ הרה״ק מרן **משולם פייש**
בן הרה״ק מרן מרדכי **מטאהש** זצוק״ל

### זכות 2000 גליונות

הרה״ח ר׳ **שמואל גליקמאן** הי״ו
לרגל **אירוסי בתו** למז״ט

~ ~ ~

הר״ר **ברוך מאיר בראדער** הי״ו
לרגל **נישואי בנו** למז״ט

### זכות מזכה

לע״נ הרה״ג ר׳ **אלחנן יוסף** בן שמואל וצפורה **הערצמאן** ז״ל

~ ~ ~

הר״ר **אהרן הערש פריעד** הי״ו
לרגל **הולדת בנו** למז״ט

~ ~ ~

הר״ר **פנחס יואל פריינד** הי״ו
לרגל **אירוסי בתו** למז״ט

~ ~ ~

הר״ר **ישראל פנחס ראזענבערג** הי״ו
לרגל **נישואי בנו** למז״ט

~ ~ ~

הר״ר **לייב גאלדבערגער** הי״ו
לרגל **הכנסת בנו לעול התוה״מ** למז״ט

**זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל מילי דמיטב אמן.**

### זכות 1000 גליונות

הר״ר **יואל הערש ליכטענשטיין** הי״ו - לרגל **נישואי בנו** למז״ט • הר״ר **הערשל פרידמאן** הי״ו - לרגל **הולדת בנו** למז״ט • הר״ר **אברהם יושע כ״ץ** הי״ו - לרגל **הולדת בתו** למז״ט • הר״ר **נפתלי יעקב ווערצבערגער** הי״ו - לרגל **נישואי בתו** למז״ט • הר״ר **שלמה ראטטער** הי״ו - לע״נ הרה״ק מרן **משולם פייש** בן הרה״ק מרן מרדכי **מטאהש** זצוק״ל • **לזכות הנדבן לפרנסה ורפואה** • הר״ר **מרדכי אהרן בראך** הי״ו - לרגל **הולדת בתו** למז״ט • הר״ר **ליפא גרינפעלד** הי״ו - לרגל **הולדת בתו** למז״ט • הר״ר **משה יוסף פריעדמאן** הי״ו - לרגל **הולדת בנו** למז״ט • הר״ר **יואל בר״ב טייטלבוים** הי״ו - לרגל **אירוסי בנו** למז״ט • הר״ר **יודל שפיטצער** הי״ו • הר״ר **לייביש האלפערט** הי״ו - לרגל **נישואי בתו** למז״ט • הר״ר **אלטר ישעי׳ גליק** הי״ו - לרגל **הולדת בתו** למז״ט • הר״ר **שמואל ישעי׳ שפיטצער** הי״ו • לע״נ הר״ר **צבי אלימלך** בן הר״ר שמואל ע״ה - ולע״נ הר״ר **מנחם מענדל** בן הר״ר **יודא ארי׳** ע״ה • הר״ר **זלמן לייב פריינד** הי״ו - לרגל **הולדת בנו** למז״ט • הר״ר **לוי יצחק קאהן** הי״ו - לרגל **אירוסי בנו** למז״ט • הר״ר **ישראל אברהם לאנדא** הי״ו - לרגל **הולדת בתו** למז״ט • הר״ר **הלל בר״מ הערשקאוויטש** הי״ו - לרגל **נישואי בנו** למז״ט - ולע״נ הרה״ק מרן **יואל** בן מרן **חנני׳ יו״ט** זצ״ל • הר״ר **יעקב אונגאר** הי״ו - לרגל **הולדת בתו** למז״ט • הר״ר **יואל מרדכי בערקאוויטש** הי״ו - לרגל **נישואי בתו** למז״ט • הר״ר **יעקב מרדכי בר״י טייטלבוים** הי״ו - לרגל **נישואי בתו** למז״ט • הר״ר **אברהם קלמן אליעזר מאסרי** הי״ו - לרגל **נישואי בתו** למז״ט • לע״נ **יואל יהודה** ע״ה ב״ר יבדלחט״א **יוסף דוד** שליט״א - יארצייט כ״ז אב

בס״ד וועלן מיר אריינלייגן אלע זכותים פון די יעצטיגע טעג נאכן גרויסן קאמפיין, חוץ פון די זכותים וואס זענען נתנדב לע״נ אדער לרגל א שמחה וכדומה

## טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג


7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה״ק
**077.401.6591**
כתובת המערכת בלשה״ק: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

המערכת בענגליש: **732.532.2242**

המערכת בספאניש: **054.115.219.8810**

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל
**07421307356**


אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט׳ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ״ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין
**#1-3 845.999.4114**